בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת בראשית תשע"ז | גליון 381 [שנה ח']

**720 צירופים פון ווארט בראשית**

בְּרֵאשִׁית: (א א) שטייט אין הייליגן ספר אגרא דכלה פון בני יששכר מדינוב זצוק"ל וז"ל אמרו רז"ל שכל התורה כלה נכללה בבראשית הִנֵּה הִנָּם בתש"ך צירופיו בר"ת ומעתה ארשום מה שנלע"ד זה כמה עִתִּים רְמָזִים בצירופים עכ"ל. דער הגהות הצבי והצדק איז מפרש דעם רז"ל פון תש"ך צירופין וז"ל כל תיבה בת שש אותיות יש לה תש"ך צירופים עפ"י הכלל הידוע מספר יצירה (פ"ד ט"ז) שש אבנים בונות שבע מאות ועשרים בתים עכ"ל. דאס מיינט יעדע ווארט וואס האט זעקס אותיות אזוי ווי בראשית, קען מען מאכן פון דעם ווארט אויף 720 צירופין ווי למשל בר"א שי"ת, אדער שב"ת יר"א, אבער דער אגרא דכלה שרייבט נאר קצ"ד צירופים פון ווארט בראשית, און איז מאריך אויף יעדן צירוף אזוי ווי ער שרייבט אז אין ווארט בראשית איז נכלל דעם גאנצע תורה הקדושה. און נאכדעם איז ער מאריך פארוואס די תורה הויבט זיך אן מיט א בי"ת עיי"ש. (אגרא דכלה)

**כִּי הִוא הָיְתָה אֵם כָּל־חָי און נישט כִּי הִוא אֵם כָּל־חָי?**

וַיִּקְרָא הָאָדָם שֵׁם אִשְׁתּוֹ חַוָּה כִּי הִוא הָיְתָה אֵם כָּל־חָי: (ג' כ') דארף מען פארשטיין פארוואס האט אדם הראשון ערשט יעצט געגעבן זיין ווייב א נאמען חַוָּה נאכן חטא און נישט פריערט? אויך איז שווער דער לשון כִּי הִוא הָיְתָה אֵם כָּל־חָי א לשון עבר, אז זי איז געווען די מאמע פון אלע די וואס לעבן, עס וואלט געדארפט שטיין נאר כִּי הִוא אֵם כָּל־חָי. אז זי איז טאקע דער מאמע פון אלע? נאר מען קען זאגן אז ווען נישט דער חטא פון עץ הדעת, וואלטן אדם וחוה געלעבט אויף אייביג, וואלט מען איר ממילא נאר גערופן "אֵם כָּל־חָי". דאס מיינט כי "הָיְתָה" אזוי וואלט מען איר גערופן, אבער יעצט נאכן חטא ווען עס איז נגזר געווארן מיתה, וועט זי נישט לעבן אויף אייביג, האט אדם איר געמוזט זוכן א נאמען און האט איר געגעבן דעם נאמען חַוָּה. (אשכל הכפר ש. י. רייך)

**אמת און שלום נאר לשם שמים**

וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים נַעֲשֶׂה אָדָם: (א כו) שטייט אין ילקוט שמעוני, אויפן פסוק חֶסֶד־וֶאֱמֶת נִפְגָּשׁוּ: (תהלים פרק פה יא) – אמר רבי סימון: בשעה שבא הקב"ה לבראות אדם הראשון, נעשו המלאכים כִּתּוֹת כִּתּוֹת, מהם אומרים: יִבְרָא, ומהם אומרים: אַל יִבְרָא. חסד אומר: יִבְרָא, שהוא גומל חסדים. אמת אומר: אַל יִבְרָא, שכלו שקר. צדק אומר: יִבְרָא, שהוא מלא צדקות, ושלום אומר: אַל יִבְרָא, דכוליה קטטה. און אזוי שטייט אין (בראשית רבה פרשה ח). צו פארשטיין וואס דאס מיינט אז אמת איז כולו שקר, איז דען שייך צו זאגן אז אמת איז נישט אמת? און אויך ווי איז שייך צו זאגן אז שלום איז קריגעריי? נאר עס איז דא דער ווארט וואס דער הייליגער צדיק רבי יהושע מאוסטרובה זצוק"ל –דער בעל תולדות אדם, און שווער פון הייליגן ר' יצחק יעקב מביאלא זצוק"ל – פלעגט זאגן, אז עס זענען דא מענטשן וואס האבן ליב דעם אמת ווייל עס העלפט זיי, און עס זענען דא מענטשן וואס האבן ליב דעם שקר ווייל זיי רעדן זיך איין אז דאס וועט זיי העלפן, אבער ביידע האבן ליב דעם אמת און שקר ווייל זיי האבן זיך ליב און מיינען נישט דעם אויבערשטן ע"כ. דאס קען זיין אמת אומר: אַל יִבְרָא, שכלו שקר, ווייל אפילו דעם אמת איז שקר! אבער דער אויבערשטער וויל א אמת ווי עס שטייט כֹּה אָמַר ד' וגו' וְהָאֱמֶת וְהַשָּׁלוֹם אֱהָבוּ: (זכריה ח י"ט). וואס שלום מיינט דער אויבערשטן, אזא אמת וואס מען מיינט דער אויבערשטער און נישט זיך, דאס איז אֱהָבוּ, האט ער ליב. און דאס איז אויך וואס די מלאכים פון שלום האבן געזאגט אַל יִבְרָא, דכוליה קטטה, ווייל אפילו ביי מאכן שלום קען מען אויך מאכן א קריגעריי, נאר דער עיקר פון שלום מאכן איז מיינען דער שלום פון אויבערשטן און דאס טאן לשם שמים, און אזא שלום בלייבט און דער אויבערשטער האט דאס ליב. (שמח זבולון)

**שיינע דרוש אויף די תשובה פון אדם הראשון און קין**

וַיֵּצֵא קַיִן מִלִּפְנֵי ה': (ד טז) מהיכן יצא? רב הונא בשם רבי חנינא בר יצחק זאגט אז קַיִן איז "יָצָא שָׂמֵחַ", אזוי ווי עס שטייט וְגַם הִנֵּה־הוּא יֹצֵא לִקְרָאתֶךָ וְרָאֲךָ וְשָׂמַח בְּלִבּוֹ: (שמות ד יד) אז יֹצֵא איז א לשון פון שמחה, כיון שיצא פגע בו אדם הראשון א"ל מה נעשה בדינך? א"ל עשיתי תשובה ונתפשרתי, כיון ששמע אדה"ר כך, התחיל טופח על פניו, זיך קלאפן אין פנים, א"ל כל כך היא כֹּחָהּ של תשובה ולא הייתי יודע? באותה שעה אמר אדה"ר מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת, (תהלים צב א ויקרא רבה י ה). [יעצט פון מדרש איז משמע בפשטות אז אדם הראשון האט נישט געוואוסט אזאך ווי תשובה און אז בכלל עס האט א כח, אבער דער זיידע איז ממשיך, נכדו המו"ל] אז די גמ' מס' עירובין (דף יח ע"ב) היה רבי מאיר אומר אדה"ר חסיד גדול היה כיון שראה שנקנסה מיתה על ידו ישב בתענית מאה ושלושים שנה ופירש מן האשה מאה ושלשים שנה והעלה זרזי תאנים על בשרו מאה ושלשים שנה, [זעהט מען אז אדם הראשון האט עוסק געווען בתשובה 130 יאר, דעריבער מוז מען לערנען פשט אין מדרש אז אדה"ר האט זיכער תשובה געטאן נאר זיין תשובה איז געווען אנדערשט פון די תשובה פון קַיִן און דאס איז געווען דעם חידוש, נכדו המו"ל] ווייל איין תשוב"ה איז דא א שווערע: תענית שק ואפר בכיה הספד, דאס איז סיגופים און זיך פייניגן די גוף, און דאס האט אדם הראשון געטאן פאר זיין תשוב"ה, אבער ווען ער האט געטראפן קַיִן ארויסגיין פון אויבערשטן בשמחה און אז עס איז דא א גרינגערע תשובה: תורה שבת ודוי בושה הכנעה, התחיל טופח על פניו, ווייל יעצט וועט זיין תשוב"ה זיין גרינגער, איז שוין פלאי פלאים וואס דער מדרש פירט אויס: באותה שעה אמר אדם הראשון מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת, ווייל כל הַמְשַׁמֵּר שַׁבָּת כהלכתו מוחלים לוֹ עַל כָּל עֲוֹנוֹתָיו (שבת קיח:), און מען קען מרמז זיין אז דער ווארט השבת איז די נוטריקון הכנעה שבת בושה תורה, אז אדם הראשון האט מקבל געווען צו טאן זיין תשובה אין א גרינגערן אויפן און אזוי וועט דער אויבערשטער אים אויך מוחל זיין, און דעריבער האט ער זיך זייער געפרייט. (בית ישראל השלם למוח"ז האדמו"ר ממאטעטערסדארף זצוק"ל)

**אינטרעסאנטע הערות אויף די פרשה.**

א: פארוואס שטייט יוֹם הַשִּׁשִּׁי (א לא) מיט א ה"א וואס ביי די אנדערע טעג שטייט נאר אחד, שני, שלישי וכו'? ב: פארוואס ביי קידוש ליל שבת זאגט מען וַיְהִי־עֶרֶב וַיְהִי־בֹקֶר יוֹם הַשִּׁשִּׁי: וַיְכֻלּוּ הַשָּׁמַיִם וְהָאָרֶץ וְכָל־צְבָאָם: מיר האבן א כלל (מגילה כב ע"א): פסוקא דלא פסקיה משה אנן לא פסקינן ליה אז מען טאר נישט אפהאקן פסוקים, נאר וואס משה רבינו האט געמאכט? ג: פארוואס שטייט נישט וַיְהִי־עֶרֶב וַיְהִי־בֹקֶר יוֹם הַשְּׁבִיעִי? שיקט אדער ברענגט אריין אייער ענטפערס און מיר וועלן מפרסם זיין די אלע תשובות אין א עקסטרע גליון.

# מדור העובדות

## דער רבי ר' לוי יצחק מבארדיטשוב זצוק"ל שיקט א ליידיגער בריוו צום פריץ

כ"ה תשרי איז די יארצייט פון הייליגן קדושת לוי מבארדיטשוב זיע"א. הרה"ק רבי יחזקאל מקאזמיר זי"ע איז דעמאלטס געזעצן מיט זיינע חסידים ביים סעודת הילולא. האט ער געפרעגט צי איז דא איינער וואס האט געהאט די זכי' צו קענען דער הייליגער בארדיטושבער רבֿ? איז געווען דארטן א עלטערע איד פון שטאט זעליחוב און דער רבי האט אים גערופן און געפרעגט צו ער געדענקט דעם הייליגער בארדיטושבער רב ווען ער איז נאך געווען רב אין זעליחוב? "אוודאי האב איך איהם געקענט און איך וועל אייך נאך דערציילן א מעשה וואס האט פאסירט מיט מיר ווען דער רב איז געווען אין זעליחוב." דער רבי פלעגט ארום פארן אין די שטעטלאך פאר חנוכה צו שאפן געלט פאר ארעמע אידן אויף חנוכה. איך האב געוואוינט אין א דערפל נישט ווייט פון זעליחוב און דער רבי פלעגט קומען ביי מיר אויך נעמען א נדבה און איך פלעג אים געבן. איין יאר האט זיך יענעם טאג אראפ געלאזט א גרויסער פראסט און דער רבי האט מיר געבעטן אויב ער קען דא בלייבן נעכטיגן ווייל עס איז זייער קאלט צו גיין נאך געלט און איך האב געפילט א זכיה צו האבן אזא גאסט!

האב איך געמאכט א בעט ביי מיר אין צימער. דער רבי האט מיר געבעטן איך זאל לאזן א לעמפל ברענען אין צימער באנאכט, און איך האב צו דעם אויך מסכים געווען. איך האב געמאכט א פיינעם געלעגער פארן רבין און מען האט זיך געלייגט שלאפן. פון רוב התרגשות פון האבן אזא גאסט האב איך נישט געקענט איינשלאפן און אזוי האלבע נאכט וואשט זיך דער רבי נעגל וואסער און טוט זיך אן און גייט ארויס פון בעט. דער רבי האט געמיינט אז איך שלאף און דער רבי האט אנגעהויבן ארום שפאצירן אין שטוב אהין און צוריק און האט גערעדט צו זיך איך האב נישט פארשטאנען וואס ער רעדט אבער די זיסקייט האט מיר באנומען. אינדערפרי בין איך אויפגעשטאנען און זיך געזעגנט פון רבין און דער רבי האט מיר געדאנקט און צוגעזאגט ער וועט מיר נאך צוריקצאלן פאר דיווארעמע געלעגער און הכנסת אורחים.

עס איז אדורך דער קאלטער ווינטער און די פרנסה איז געווען זייער שווער. און עס איז געווארן פינצטער ביי מיר נאך פסח ווען דער פריץ שיקט מיר רופן און זאגט אזוי ווי דו האסט נישט געצאלט די שכירות וואס עס קומט מיר, פארדינג איך דיר מער נישט דעם קרעטשמע. און איך גיב דיר צוויי וואכן צו שאפן די גאנצע געלט וואס דו ביזט מיר שולדיג, און אויב נישט גיי איך דיר אריינווארפן אין תפיסה! און דער קרעטשמע וועל איך פארדינגען פאר א אנדערן. איך האב זיך גענומען בעטן ביים פריץ אז דער ווינטער איז געווען א קאלטער און ווייניג מענטשן זענען געקומען!

אבער דער פריץ האט נישט געוואלט הערן און פארקלאפט די טיר!

איך האב געזען אז דער מצב איז ביטער האב איך זיך מיישב געווען איך האב דאך געטאן א טובה פאר ר' לוי יצחק און ער האט מיר צוגעזאגט אז ער וועט מיר צוריקבאצאלן פאר מיין טאן א טובה פאר אים, און איך ווייס אז דער רבי איז א גרויסער צדיק, וועל איך אריבערגיין און אים בעטן ער זאל מיר העלפן. און טאקע בין איך געפארן און זיך אויסגעגאסן מיין הארץ פארן רבין און דער רבי זאגט מיר זיך נישט צו זארגן נאר זיין פריילאך, און דער רבי הייסט מיר אים ברענגן א ליידיגע פאפיר, און ער איז אריין אין צימער און נעמט זיך דרייען אהין און צוריק און רעדט צו זיך און דערנאך קומט ער ארויס פון צימער און דערלאנגט מיר דעם פאפיר אין א קאנווערט און ער האט מיר געזאגט איך זאל איבערגעבן פארן פריץ דעם בריוו און דער אויבערשטער וועט העלפן. און אויך שטרענג געווארענט נישט עפענען דעם בריוו! אינמיטן וועג האב איך זיך גענומען טראכטן אז איך האב נישט געזען ווי דער רבי נעמט טינט און א פעדער, האב איך מחליט געווען אז איך וועל עפענען דעם בריוו. אבער מיין רגש האט מיר נישט געלאזט, און דעם פחד פון רבין, און אמונה אז דער רבי וועט מיר נישט פארפירן, האט מיר דערווייל אפגעהאלטן פון עפענען דעם בריוו. אבער ווען איך בין שוין געווען נאנט צום פריץ האט איך גענומען ציטערן אויב דער בריוו איז טאקע ליידיג וועט דער פריץ מיר שיסן אויפן פלאץ!

און אין א שוואכע מינוט האב איך געעפנט דער בריוו און געזען א ליידיגע פאפיר. איך האב שוין נישט געוואוסט וואס צו טאן! אבער נאך א פאר מינוט האב איך זיך געשטארקט ווייל דער רבי איז א איש אלקים און ער וועט מיר נישט אריין לייגן אין א סכנה, און מיטן כח אמונה בין אין געגאנגען צום פריץ און אים איבערגעגבן דעם בריוו. דער פריץ נעמט זיך ליינען און ער ליינט, און איך פארשטיי נישט וואס ער האט געקענט ליינען! און אזוי ווי ער האט געענדיגט ליינען דעם בריוו עטליכע מאל, רופט זיך אן דער פריץ: אז איך האב זיך בארעכנט אז באמת ביזטו געווען א גוטע צאהלער אלע יארן און ווער ווייסט צו דער נייער מענטש וועט דען יא קענען באצאלן. נו! איך וועל זיך רעכענען מיט דיר אז דער ווינטער איז געווען א שווערער און איך בין דיר מוחל די חוב וואס דו קומסט מיר, אבער דו מוזט זען אז פון היינט אן זאלסטו באצאלן אין צייט. איך בין געווארן פריילאך און באדאנקט דעם פריץ און מען האט זיך געזעגנט.

איך בין אהיים געפארן מיט גרויס שמחה און גענומען א קאסטן פון מילכיגס און געגאנגען צום רבין אים גיבן א מתנה. אזוי ווי איך בין אהין אנגעקומען איז דער רבי געשטאנען אינדרויסן און געווארט פאר מיר אזוי ווי ער האט שוין געהערט מיין מעשה. האט דער רבי זיך אנגערופן מיט א שטרענגקייט: "וואס האסטו געטאן מיטן בריוו פאר עס איז אנגעקומען צום פריץ? האט איך איהם דערציילט אז איך האב דאס געעפענט! האט דער רבי ארויס געלאזט א קרעכץ "אוי וויי! וואס האסטו געטאן? דער קרעטשמע וואלט געקענט זיין פאר דיר און דיינע קינדער אויף אייביג, און ווייל דו האסט אויפגעמאכט דעם בריוו האסטו דאס פארלוירן" . און דאס אלס האט פארציילט דער אלטער איד פאר הרה"ק רבי יחזקאל מקאזמיר זי"ע און געזאגט טאקע ווען איך בין געווארן אלט און נישט געקענט פירן דעם קרעטשמע האט מען דאס צוגענומען פון מיר. - א צדיק דארף מען פאלגן אויף אלעס וואס ער זאגט ביז דעם לעצטן פינטל.-


**_הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן_**

_א זעלטענע שיינע תהלים זיטאמיר תרכ"ו דגל והודיה $25000, נישטא נאך אזא גלייכן, מחזור לימים נוראים ולימים טובים נוסח ספרד דפוס זיטאמיר שנת תרכ"ד זייער זעלטן שיינע מצב און געבונדן $7500, מחזור לשלש רגלים דפוס סלאוויטא מיט גרויסע גליונות $3500, מכתב חריף שתי מילים עם חתימה מבעל דברי חיים $50000, תשובה צוויי זייטן און א חתימה פון הייליגן ערבי נחל $20000, 5 בריוו פון ר' עקיבא איגר $150000, שו"ת נודע ביהודה מהדו"ת דפוס ראשון שייך להגה"ק ר' יוסף בוימגארטן אב"ד שיף שול ווין מצב מפואר $2000, טל חיים ליסקא שייך להרה"ק ר' יהושע הלברשטאם מדאלינא $1000, פנקס צדקה כתב יד פון הגאון ר' הענקין שנת תרפ"ד ברענגט אלע אדמור"ם און גדולי הראשי ישיבות וויפיל זיי באקומען און ווען און וואס זיי דארפן געלט, חפץ חיים, בריסק, ר' אלחנן, גוע אדמור"י צאנז, ר' חנה, ראצפערט, שינאווע, און נאך און נאך $6500, תשובה בכתב יד הגה"ק ר' יעקב עמדין וחזרת התשובה אליו מהר' משה חאגיז. $75,000 מכתב מבעל קדושת ציון מבאבוב עם חתימת רמ"ם מהישיבה עץ חיים $12000 ספר מנחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל $1500, ספר יער אוזן להחיד"א מיט פול הגהות א חכם דב"ש און הגאון ר' חיים סתהון $1500, סידור של"ה דפוס ראשון מיט הגהות און באלאנגט צום דעת שלום משאץ לונדון $50000 סידור קול יעקב סלאוויטא וואס האט באלאנגט צו הרה"ק ר' בצלאל מרגליות בן מאיר נתיבים געווען ביים בעש"ט $45000 סידור חמדת ישראל מונקאטש דפוס ראשון עם הסכמות חשובות עם הפראנומעראנטן $1000, ספר טל חיים וברכה ליסקא עם חתימות ר' חיים בנימין גראס ממונקאטש, סעט פרדס יוסף על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד $600, סעט כלי חמדה על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד $600, א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ם זצוק"ל,_ הרבה ספרים מישיבה תת"ל ליובאוויטש ומישיבת מיר שנדפסו בשנגהאי. הרבה ספרי חב"ד שנדפסו לפני המלחמה, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, **ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ.** א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל $600, ספר אוצר הרבנים $200 ספר פנקס המוהל של החת"ם סופר $90

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at _WWW.SEFORIMWORLD.COM_** מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת